Jagiellonskiej

„RADOMER-KIELCER LEBEN“ 8 (198) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאָהרגאַנג פינפטער פרייז 25 גראָשען


# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײנט 10 זײטן.

אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען“

Redakcja i Administracja
„Rademer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען פרייז!

אײן מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 18 „

די פּרײַזן און לעבעט זײַם ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 „

ראָש חודש ג' אדר ת"פ"ח. ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך. ◆◆ 24 go lutego 1928 r.


## ערקלערונג.

אין „ראַד.-קעלקער לעבען“ נומ. 5 האָט דער ה' גליאַט פערעפענטליכט אַנ'אַנאָנס. אין וועלכען ער האָט וועלענדיג, אפנים, רעקלאַמירען זיין פירמע, בעוואוסטזיניג געציעלט מיך צו בעליידיגען און קאָמפּראָמיטירען אויסגעבענדיג פאַקטען, וואָס שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט. אַזוי למשל שרייבט ער אין זיין ווענדונג פאַר דער עפענטליכקייט, אַז איך האָב געזאָלט שיקן נאָך א פּאָליציאַנט און דערנאָך נעהייסן געהן די קריסטליכע קונים אין קאָמיסאַריאַט מעלדען וועגען דעם מסחר מיט'ן פלעטיל. און אַזוי ווי דער ה' גליאַט דער-צעהלט, אַז דאָס זעלבע האָט זיך געזאָלט ארויסווייזען אין געריכט — אלזאָ ערקלער איך, אַז די דאָזיגע בעשולדיגונג אויף מיין אַדרעס איז פולשטענ-דיג שקר און ליגען. נישט איך האָב געשיקט נאָך א פּאָליציאַנט און נישט איך האָב געהייסן געהן אין קאָמיסאַריאַט. דאָס בעשטעטיגען קאָן דער אַקט פון געריכט K. 14964/27, וואו מיין נאָמען פיגורירט נישט מעהר ווי בלויז אַלס עדות אַזוי גוט ווי דער עקספערט ה' סקאָלסקי, פון בלאַטאַט פּאָלסקי. און אַזוי ווי ה' גליאַט האָט געשריבען אין זיין אַנאָנס מיך עפענ-טליך צו קאָמפּראָמיטירען און צו שאַדענען דעם גוטען נאָמען פון מיין פירמע בין איך געצוואונגען צו ערקלערען פאָלגענדען פאַקט:

פאַראַיאָהרען ערב ראש השנה איז אין מיין געשעפט אריינגעקומען דער ה' אברהם מיענדזיגורסקי (רינעק 14) קויפען א פלעטיל פערלאַנגענדיג די בעסטע קוואַליטעט פון דער פירמע פיאַסקאָווסקי. פאַר וועלכען איך האָב געפאָדערט 33 זלאָטעס. נישט קאָנענדיג דורכקומען מיט'ן פרייז איז ער אַוועק צו מיין שכן ה' גליאַט (פּלאַץ יאַגיעלאָנסקי 6), וואו ער האָט געקויפט א פלעטיל. מיט א פאָר שעה שפּעטער קומען צו מיר אריין דער ה' מיענדזי-גורסקי מיט זיין פרוי און זיי וואַרפען מיר פאָר. אַז איך האָב זיי בעשווינ-דעלט, פערקויפענדיג א געמיין פלעטיל פאַר א גוטס. די פרוי מיענדזיגורסקי. נישט זייענדיג ביי וועמען און וואו זיי האָבען דאָס פלעטיל פאַקטיש גע-קויפט און מיינענדיג, אַז דאָס פלעטיל איז ביי מיר געקויפט געוואָרען האָט זי מיך בעליידיגענד אויסגע'מוסר'ט, היתכן, ווי איך פאַל אויך אָבצונאַרען איהר מאַן, פערקויפענדיג א געמיין פלעטיל ארויסהעבענדיג דערויף א קוויטעל מיט דער פלאָמבע פון דער פירמע פיאַסקאָווסקי פון בעסטען קוואַליטעט. פרוי מיענדזיגורסקי ערקלערט דאַן. אַז דאָס האָבען איהר געזאָגט און בע-שטעטיגט סוחרים אין מבינים. ווען איך בערוהיג זיי און בעט צו דערמאָנען זיך ביי וועמען זיי האָבען געקויפט. און נאָכדעם ווי איך חייזזיי אויף, אַז דאָס פלעטיל איז ביי מיר אַבסאָלוט נישט געקויפט געוואָרען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ איז פאָרגעקומען א מיספערשטענדניש און דער ה' מיענדזי-גורסקי ערקלערט דאַן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות און זיך דערמאָנט, אַז דאָ ביי מיר האָט ער בלויז געדינגען, אָבער געקויפט ווירקליך האָט ער דאָס פלעטיל ביי דעם ה' איטשע גליאַט. דאַן האָבען זיי זיך ענטשולדיגט און מיך זעהר איבערגעבעטען און זעגען אַוועק מיט דער זעלבער טענה צום ריכטיגען סוחר פון פלעטיל, ה' גליאַט, וואו זיי האָבען אָבגענומען צוריק דאָס געלד און אריינגעקומען צו מיר און געקויפט אַ אמתדיג פלעטיל די בעסטע קוואַליטעט פון דער פירמע פיאַסקאָווסקי בעצאָהלענדיג מיין פריהער-געפאָדערטע פרייז 33 זלאָטעס, אנשטאַט וואָס זיי האָבען בעצאָהלט ביים ה גליאַט 27 ז"ל. נאָכ'ן קויפען ביי מיר דאָס ריכטיגע פלעטיל איז דער ה' מיענדזיגורסקי זיין נישט צוריקגעקומען מיט אזא פאָרוואורף, וואָר זיי זיי-נען צופרידען פון דעם ביי מיר געקויפטען פלעטיל ביז'ן היינטיגען טאָג.

איך ערקלער, אַז איך וועל זיך מעהר נישט אריינלאָזען מיט ה' גליאַט אין קיין פאָלעמיק, אין פאַל ווען ער וועט מיך דוקא ארויספאָדערען וועל איך זיין געצוואונגען איבערצוגעבען פיעל פאַקטען, וואָס וועלען זיכער ווייט ארויספאַלען צום גינסטיגען פאַר זיין פירמע. גלייכצייטיג פאָדער איך אויף דעם ה' גליאַט אָבצורופען די אויף מיר געוואָרפענע זלזולים אין קאָמפּראָ-מיטירענדע אויסדריקען אויף מיין אַדרעסע אין פערלויף פון 8 טעג, אין געגענפאַל וועל איך זיין געצוואונגען ארויסצופיהרען געריכטליך (za oszczerstwo) פאַר פאַלש אין גרונדלאָז בעליידיגען כ"ד.

מיט אכטונג: לעמל זילבערשטיין.


Z intencji zaręczyn naszej kochanej koleżanki
Blimki Światłównej z p. Ehrenfridem z Końskich
życzą harmonji w życiu.
Bergmanówne, Borensztajnówna,
Cukierówne, Goldberżanki.

Z intencji zaręczyn kochanej kuzynki naszej
Gleni Bukowskiej z Kielc z p. Abrahamem Sachsem z Łodzi
życzy im szczęśliwej przyszłości i wiecznego zadowolenia
DYNA DANCYCIER z Rodziną.

יונגער וויאָלין-ווירטואָז
בראָניסלאַוו
גימפּעל
מיט וועמענס נאָמען ס'קלינגט די גאַנצע וועלט און פאַרשאַפט אומשטערבליכען רום און כבוד דעם גאַנצען יוד. פאָלק
וועט ארויסטרעטען זונטאַג
דעם 26-טען לוטי ה. י.
אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי“
ביים קלאַוויר קאַרל גימפּעל.

אין פּראָגראַם

| | |
|---|---|
| 1. ויטאַלי מאַצאָנע | 6. פּאַגאַניני — קרייזלער פּרעלודיע אוּ אַלעגראָ |
| 2. ק. גאָלדמאַרק, פידעל קאָנצערט א-מאָל | 7. פּאַגאַניני — פּאָלפּיטי |
| 3. טשייקאָווסקי סערענאַדע | 8. כל נדרי ברוך אין יוד. מעל. |
| 4. מאַרטיני קרייזלער | 9. מענדעלזאָן — פידל קאָנצערט |
| 5. ה. ווענאַיאָווסקי | 10. סאַראַסאַטע קאַפּריצאָ-אַראַלוזאַ |

בילעטען פריהער צו בעקומען אין דער פירמע פון ה' מיטעלניקאָווסקי, לובלינער 13 און אין טאָג פון קאָנצערט פון 5 נ. נ. ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

גומע-זוילען
לייווינד א (ברעזענט)
צו לייווענד שיך (לודאָווע)
דעם בעסטען גאַטונעק עמפּפעהלט די פירמאַ:
EICHENBAUM i FEIGENBAUM
WARSZAWA, Franciszkańska 22, Tel. 404-79.

Staraniem Tow:
DOM SIEROT, AUXILIUM ACADEMICUM
JUDAICUM oraz BAR-KOCHBA.

W salach teatru „ROZMAITOŚCI"
odbędzie się w sobotę dn. 10 marca 1928 r.
**WIELKI PURYMOWY**
**BAL MASKOWY**
z konkursami tańców i kostjumów z przyznaniem nagród.
**WIELE NIESPODZIANEK — Maski nie obowiązują**
Pierwszorzędna orkiestra. — Tańce do rana.
Obfity i dostępny bufet. — Bez Karoty.
Korowód masek z królem Ahaswerem
i królową Esterą na czele
na tle reflektorów różnobarwnych.
Bilety do nabycia w kantorze wymiany p. WAJSELFISZA ul. Lubelska 29
od dnia 6|3 a w dniu balu od godz. 4-ej p. p. przy kasie teatru.
**Cena biletu zł. 5, galerja zł. 3.**
Początek o godz. 10 wiecz.

די געזעלשאפטען
בית-יתומים, אאוקסיליום אקאדעמיקום יודאיקים
און בר-כוכבא
ארדנען איין שבת צו-נאכט דעם 10 מערץ ה. י. 10 אווענד
א גרויסען פורים-
**מאסקען-באל**
דער באל האט באקומען אין די זאהלען פון טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
פאר די שענסטע קאסטיומען און טענץ וועלען אנערקענט ווערען
קאנקורסען און אויסצייכנונגען
מאסקעס זענען נישט פערפליכטענד
ערשטקלאסיגער ארקעסטער. טענץ ביז אין דער פריה. א בשפע'דיגער און
צוגענגליכער בופעט. א קאראהאר פון מאסקעס מיט'ן קעניג אחשורש
און קעניגין אסתר אין דער שפיץ, באלויכטען פון א פערשיעדען-
פארביגען רעפלעקטארע-אבשטראהלונג.
בילעטע אויפ'ן מאסקען-באל קאן מען בעקומען אין דער קאנטאר פון
ה' ווייסעלפיש לובלינער 29. אין טאג פון באל פון 4 א זייגער נ. מ.
ביי דער קאסע פון טעאטער.
די פרייז פון בילעטען 5 זל. גאלעריע — 3 זל.

# פרייע טריבונע.

**אין דער דאזיגער רובריק קאנען די לעזער פון אונזער צייטונג זיך ארויסזאגען וועגען פערשידענע געזעלשאפטליכע פראגען. פאר די ארויסגעזאגטע מיינונגען טראגט נישט די רעדאקציע אויף זיך קיין שום אחריות. די ארטיקלען אדער נאטיצען פון די לעזער דרוקען מיר אויסדריקליך אויף דער אייגענער פעראנטווארטליכקייט פון די מחברים גופא.**

**רעדאקציע.**

## „כאפט דעם גנב"

### א ענטפער דעם ה' ניימאן.

לעזענדיג אין „ראדאמער-קעלצער לעבען" דאס אויפקלערונג'ס-ארטיקעל פון ה' ניימאן וויל איך איהם אפענטפערן מיט עטליכע ווערטער.

דער ה' ניימאן גיעט זיך אפ א רעכנונג ווי גרויס ס'איז דער פערלוסט, די זעהר זעלטענע יודישע פאליטיקער, וועלכע האבען בעהערשט זייער טעמפעראמענט, נישט לאזענדיג זיך קיין מאל פערפיהרען פון איהם צו נישט אויסגערעכענטע מעשים און אפילו ווערטער.

ביי איהם איז געווען כמעט אלץ אויסגערעכנט, אויסגעמאסטען און אפגעוואויגען.

אויב מיר וועלען נאך דערצו צוגעבען, אז משה פראסטיג איז געווען א גלענצענדער זשורנאליסט, וועלען מיר דאן פערשטעהען די גרויסע אברה, וועלכע דאס יודישע פאלק האט גע-האט, מיט דעם פריהצייטיגען טויט פון משה פראסטיג, זיין ארט אין דער יודישער געזעלשאפטליכקייט און בפרט אין סיים וועט לאנג, זעהר לאנג זיין שווער אויסצופילען!

שלום לעפרך, ידידי היקר!

■■■

וואס די בריטיש אינדיפערענטע פאלק'ס-מאסען גטהען פערלוירען פון יודישען בירגערליכען לאגער, ווערענדיג בידם אריינגעשטויסען אין דער לינקער מחנה.

איך קאן אייך זאגען ה' נ., אז עס איז א ביסעל צו-שפעט אייער חשבון.

איך ווייס דאס אויסגעצייכנט, ה' ב"ן, אז איהר צערטעלט נישט די לינקע, אבער איהר צערטעלט אויך נישט די מאסען, אויף וועלכע איהר האט רחמנות, וואס זיי פאלען אריין צו די לינקע עלעמענטען.

שוין צו-פיעל ערלויבט זיך דער ה' נ. אנרופענדיג די לינקע גרופירונגען אלס רויב-פויגעל. צי קאן נאך זיין גרעסערע רויב-פויגעל, פון די, וועלכע ווילען נישט ארויסלאזען די נאאיווע מאסען פון זייערע רויבפויגעלשע נע-געל און מיט געוואלד זיי איינהאלטען דורך פערשידענע טאקע דעמאגאגיש'ע וואהל-מאכערייען? די מאכען, וועלכע זענען שוין גענוג ערפאהרען און וואהל-פאליטיק אריענטירען זיך גאנץ גוט און אנטלויפען פון זייערע נישט געבעטענע כלל פערזארגער נישט און קיין בהלה-צושטאנד, ווי דער ה' נ. שרייבט, נאר מיט אויסגערעכענקייט און דורכגעטראכטקייט.

אגב טרייסט זיך דער ה' נ. אז „אויך דארט ביי די לינקע וועט דער וועהלער, דער מאכען-מענש לאנג נישט פערבלייבען. ער וועט זיך ביסלעכווייז איבער-צייגען, אז אויך דארט ביי די לינקע בלאפט מען, אז אויך דארט איז דער אמת נישטא" ה' ב"ן, אייער וועה-געשריי איז אין סתירה מיט אייערע ווערטער. דאס איז א געשריי פון אונטערגאנג.

---

געפעהלען און זי האט זיך אויך יעצט ארומגעזעהן, אז דער פריעמרער אונבעקאנטער פלאנט גאר עפיס אנדערש און נישט וועגען אהיימפיהרען זי. ביילקע איז געווארען זעהר אונרוהיג און איהר גאנצער מח האט גענומען שווער ארבייטען און אויסטראכטען פערשידענע פלענער ווי אזוי זיך ארויסצוראטעווען פון איהם. זי האט אויסגעקוקט די מינוט, אז איהר בע-גלייטער זאל זיך אנ'שכור'ען, אז זי זאל קאנען פון איהם אנטרינען ווערען, זי האט אויפגעפאסט אזא מינוט. דער אונבעקאנטער מיליטערמאן האט זיך זעהר אנגע'שכור'ט. ביילקע האט גע-האלטען אין איין צאה'ען פאר איהם און ווען ער האט שוין געהאט דעם קאפ זיך גוט פערדרעהט און געוואל-גערט זיך אויף די ערד האט ביילקע נישט לאנג געקלערט און זי האט זיך בגניבה שטילערהייד ארויסגעשארט פון די קנייפיע און גענומען לויפען איבער די פרעמדע בוקארעשטער גאסען. איהר פערשווינדען ווערען איז אבער באלד בעמערקט געווארען פון אנדערע קנייפיע-העלדען, וועלכע האבען נאך פון פריהער בעווארפען א אויג אויף בייל-קע און זיי האבען זיך גלייך געלאזט נאך איהר מיט איין אימפעט. ביילקע'ס מיליטערישער בעגלייטער האט זיי פרי-הער בשעת שכור'ען איבערגעגעבען אז ער האט געפאנגען א יודיש מיידעל פון פוילען, וועלכע האט ביי זיך אין האטעל א אוצר מיט געלד און, אז מ'דארף זי אריינקריגען אין נעץ. בייל-קע האט דאס געוויסט און זי איז דער-ריבער איצט געלאפען איבער די ליי-דיגע אונבעקאנטע גאסען מיט אלע איהרע כחות. וואס זי האט פערמאגט. זי איז נישט געלאפען נור געפלויגען, וואוהין האט זי אליין נישט געוויסט. זי איז אזוי לאנג געלאפען ביז זי איז ענדליך אריין אין דער פרינציפאלסטער גאס, וואס האט זיך געטונקען אין ימים ליכט אויף אט דער גאס זענען געווען אויסגעשטעלט שורות פרעכטיגע מיט העל-געטונקענע ליכטיגע שוי-פענסטער פון ריזיגע צוקערניעס און ערשטקלא-סיגע רעסטאראנען. ביילקע האט אויס-געקליבען די שענסטע פון זיי און איז גלייך אריין אין הערליכסטען רוישיג-סטען רעסטאראן, און ביים בלויזען איבערטראכטען די שיעל איז זי אני-דערגעפאלען אין א שרעקליכען חלשות. צוליב וואס ס'איז ענטשטאנען א אונגעהויערער טומעל צווישען די הונ-דערטער רייכע געסט.

(פארטזעצונג קומט)

## דאָס נייע באַנק-געזעץ.

ווי די „קאָאָפּעראַטיווע - בעוועגונג“ № 2 שרייבט זאָל שוין אין די נאָהנסטע טעג ערשיינען אין „דזיענניק-אוסטאַוו“ די פעראָרדנונג פון מלוכה-פּרעזידענט וועגען באַנק-וועזען.

דאָס נייע געזעץ דיהרט אממצהרס-טע, אַז די קאָאָפּעראַטיווע-בענק און — די הויפּט זאַך די, וואָס ווערען ערשט געשאַפען אָבער וואָס זענען לעצטענס געשאַפען געוואָרען און געהערען נאָך נישט צו קיין אַנערקענטען רעוויזיאָנס-פערבאַנד.

פאַר די לעצטע איז פאָרגעזעהן א גאַנצע רייהע בּגרעניצונגען אזוי, אז דאָס ענטשטעהן און ענטוויקלען זיך פון אזעלכע בענק איז ווייטער פאַסט אונמעגליך. „דאָס נייע געזעץ, שרייבט דאָ ק. ב. — זעהט בפירוש פאָר, אז ערלעדיגען אינקאַסע-טראַנזאַקציעס און אָננעמען איינצאָהלונגען פאַר זייטיגע פּערזאָנען, קענען די קאָאָפּעראַטיווען וואָס געהערען נישט צו קיין רעוויזיאָנס-פערבאַנד נאָר פון זייערע מיטגלידער. דאָס הייסט, אז אזא קרעדיט-קאָאָפּעראַ-טיוו, וואָס געהערט נישט צו קיין רע-וויזיאָנס פערבאַנד, טאָר אינגאַנצען נישט ערלעדיגען קיין אינקאַסע-אויפטראַגען פון זייטיגע פּערזאָנען און דאָס נעמט ביי זיי אַוועק מיטאַמאָהל דעם מקור פון זייערע הכנסות“.

ווען מען נעמט אין אַכט א גאַנצע רייהע אנדערע בעגרעניצונגען ווי, דאָס נישט טאָרען אויסשטעלען קיין טשעקען און איבערווייזונגען, נישט טאָרען צו נעמען קיין וועקסלען און נישט ערלעדיגען קיין אַקרעדיטיוועז פאַר נישט-מיטגלידער, ווי איך דאָס, וואָס שרייבט ווייטער די ק. ב.

... „דאָס וועט שוין זיין די אויפגאַבע פון די קאָאָפּעראַטיווע - פערבאַנדען צו וואָרנען די עפענטליכע מיינונג, בעזונדערס די פּריוואַטע אקציע - בענק בפרט, אַז דאָס געזעץ זעהט אויך פאָר בעשטימטע שטראָפען פאַר עובר זיין אויף די דאָזיגע תקנות“... — מוזען מיר קומען צום אויספיהר, אז מיט דעם ניי-עם געזעץ איז דאָס ענטשטעהן נייע קאָאָפּעראַטיווען אָדער דאָס ענטוויקלען זיך פון קאָאָפּעראַטיווען נישט געהערענ-דיג צו קיין רעוויזיאָנס-פערבאַנד גענצ-ליך אויסגעשלאָסען.

פאַר די גוט-ענטוויקעלטע קאָאָפּעראַ-טיווען, וואָס עקזיסטירען און געהערען צו א רעוויזיאָנס-פערבאַנד זעהט אויך דאָס געזעץ פאָר, אז די בענק וועלען מוזען הייסען אָדער „ליודאָווע“ אָדער „רעמעסלניטשי“, אזוי אז פון די 5 בענק, וואָס עקזיסטירען אין קעלץ און געהערען צו א רעוויזיאָנס-פערבאַנד וועלען די „באַנק ליודאָווע“ און די „ספּולדזיעלטשי באַנק האַנדלאָ-ווע“ נישט דאַרפען ענדערען די נעמען; דאַגעגען די באַנק קופּיעצקי, באַנק דיסקאָנטאָווע און באַנק קרעדיטאָווע וועלען מוזען צו שרייבען דאָס וואָרט ספּולדזיעלטשי.

די קאָאָפּעראַטיווען, וואָס וועלען פריש ענטשטעהן, אָדער וואָס זענען ערשט געגרינדעט געוואָרען און געהע-רען נאָך נישט צו קיין רעוויזיאָנס-פער-באַנד וועלען נישט טאָרען בענוצען דאָס וואָרט „באַנק“ און אויב א געשאַפענע אינסטיטוציע הייסט שוין אזא נאָמען — וועט זי מוזען דאָס וואָרט באַנק אינ-בעדינגט אויסשטרייכען און וועט גלייכ-צייטיג ארינטערפאַלען אין ערט בע-שטרענקונגען וואָס דאָס נייע געזעץ זעהט פאָר.

אַבּסערוואַטאָר.

---

בּיי אַ טאָס פאָרפאָלגט אויף איין גלאָז נאַטירלך Franciszka Józefa ביטערוואַסער גלייך פריה, ניכטער גע-נומען בעשווערענדעס אויסגיביג דאַר-מענטלעערונג, און די בעהאַגליכעס גע-פיהל דער ערלייכטערונג אַנטצושליסען פליגס. די אַרצליכע פאַרשריפטען גע-פינען איין, אז דאָס וואַסער Franciszka Józefa איז א רפואה אויף די לעבער און אויף דעם מאַס-דאַרם, אזוי ביי העמאָרידען און ברוסט-ליידען ווירקט עס זיכער א. אַז. וו.




*W solidnym sklepie*

אין א סאָליד געשעפט, וואָס זאָרגט פאַר דעם גוטען נאָמען און איז בעשאָנקען מיט צוטרוי פון די קונים, ווערען נור אויסשליסליך פערקויפט גוטע און אויסגעפּרובירטע אויסאַרבייטונגען צוליעב דעם געלט נישט דער בעקאַנטער זייף JELEŃ-SCHICHT אין קיין שום סאָליד געשעפט. דער זייף ווערט זייט צענדליגער יאָהרען איינגעאַרבייט פון נישט געענדערטע זעלטענע גוטע שטאָפען און איז געקרוינט מיט צוטרוי פון די קאָנסומענטען.

אין אייגענעם אינטערעס קויפט נור אויסשליסליך

Mydło Jeleń Schicht

Przedstawiciel F. Goldfarb Radom, ul. Piłsudskiego 10, tel. 468.


---

**18 צו דער יודישער בעפעלקערונג אין קעלצער וואַהל-קרייז! 18**

נור געצעהלטע טעג טיילען אונז פון דעם טאָג ווען עס דאַרף דעצי-דירט ווערען דער גורל פון פּוילישען יודענטום. **געדענקט אז די איינציגע יודישע ליסטע וואָס פערדינט אייער שטיצע און שטימע איז די ליסטע פון גאַנצען נאַציאָנאַלען יודענטום.** די ליסטע אויף וועלכער עס פיגורירען מענשען, וואָס האָבען מיט זייער מסירת נפש'דיגער אַרבייט ארויסגעוויזען, אז די יודישע אינטערעסען שטעהען ביי זיי העכער פון פּריוואַטע ענינים. און מיט זייער לאַנגיעהריגער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבייט האָבען זיי בעוויזען זייערע פערדינסטען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען.

יודען וועהלער! א יוירדיגע ערנסטער דאַרפט איהר געבען אין טאָג פון די וואַהלען. די אַלע וואָס זענען נישט מעהר אויסען ווי צו צוברעכען עטליכע יודישע מאַנדאַטען. **און אַלע דאַרפט איהר שטימען פאַר דער ליסטע № 18.**

**יודען געדענקט, אז מיט אייער שטימע דאַרפט איהר ארויסווייזען אייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ און פּאָליטישע רייפקייט.**

שטימט דעריבער פאַר דער ליסטע № 18.

**18 דער יודישער וואַהל-קאָמיטעט 18**

ביים בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען אין קעלץ.

CZEKOLADA G. GLARDELLI Z IDEALNYCH NAJLEPSZ

# שטיצט די געזעלשאפט „חנוך ילדים“
## מיט קויפען א בילעט אויפ'ן לעצטען סעאנס אין קינא „קארסא“ דעם 27 טען ה. ח.

### ראדאמער כראניק.

#### פון דער געמיינדע.

איף היינטיגע וואך איז צוויי מאהל געווען גערופען געוואָרען א זיצונג פון קהלה־ראט. דער טאג־אָרדנונג האט זיך אין ביידע פאלען געהאנדעלט וועגען בעשטעטיגען דעם בודושעט אויפ'ן יאהר 1928. די זיצונגען זענען גערופען געוואָרען איף זונטאג און דינסטאג. אָבער ביידע מאהל איז נישט געווען קיין קוואָרום און די זיצונגען זענען דעריבער נישט צושטאנד געקומען.

#### מאסקען־באל.

דעם 10־טען מערץ ווערט פון די געזעלשאפטען „בית־יתומים“, „אאיקסיליום אקאדעמיקום יודאאיקום“ און „בר־כוכבא“ צום ערשטען מאהל איינגעאָרדנט א מאסקען־באל. די בשותפות'דיגע פאראנשטאלטונג פון ערשטען באל האט געהאט ערפאלג און דאס האט בעוויזען, אז די יודישע געזעלשאפט האט פערשטענדניש פאר די דערמאנטע אינסטיטוציעס. דער צווייטער באל וועט זיך אויסצייכענען מיט מעהר אטראקציעס, ציילען וועלכע ס'וועט זיך אויך לאזען באמערקען דער אייגענארטיגער סטיל פון זער טראדיציאנעל־פורים'דיגער קאלאריט־פארביגקייט.

#### קינא סעאנס לטובת „חנוך ילדים“.

די דירעקציע פון קינא „קארסא“ האט בעשטימט אוועקצוגעבען דעם לעצטען סעאנס פון קומענדיגען מאנטאג דעם 27־טען ה. ח. פון דעם זעהר אינטערעסאנטען בילד „אזוי אין פאריז“ לטובת דער געזעלשאפט „חנוך ילדים“.

ס'וואלט דעריבער זעהר וואונשענסווערטה געווען די יודישע קינא־בעזוכער זאלען אין א גרעסערע צאהל בעזוכען דעם דערמאנטע קינא־סעאנס או געבן קויפען די בילעטען. די דאזיגע אימפרעזע טראגט א בכבוד'יגען כאראקטער, ווייל די בעזוכער געניסענדיג פון די קינא־פארשטעלונג שטיצען זיי גלייכצייטיג אונטער א יודישע געזעלשאפט.

ס'איז אלזא זה נהנה וזה נהנה.


BUCHALTER Z DŁUGOLETNIĄ PRAKTYKĄ ma wolne godziny

REFERENCJE PIERWSZORZĘDNE

Oferty: „Radomer-Kielcer Leben“ pod „Doświadczony“

GABINET RENTGENOLOGICZNY ROZPOZNAWCZO - LECZNICZY

D-ra F. MACIEJEWSKIEGO

(prześwietlanie, zdjęcia oraz powierzchowne i głębokie leczenie).

RADOM, ul. Marjacka 2.

בעקאנטמאכונג.

אין מיין שניידער־ווארשטאט וואל 5 ווערט אויסגעארבייט און ס'געפינט זיך גרייט א גרויסער אויסוואהל סחורה, קונדן קענען קויפען פון פערשידענע אנצוגליך, סאקעלען, פאלטענדליך א. אז. וו. אלעס אויף קאנקורענץ־פרייזען ביי די בעסטע בעדינגונגען

בנימין הם בירענבוים וואל 5 אויפ'ן הויף ערשטער שטאק


### האָל־מיטינג

שבת דעם 25 טען ה. ח. קומט פאר אין קינא „קארנער“ א האל־מיטינג פון נאציאנאלען בלאק. אין וועלכע וועלען אנטייל נעמען רעד. פון „הצפירה“ ה' יוסף הפכנכין (ורשא) און מ. פאליצקעוויטש פון ווארשא.


בעקאנטמאכונג

די געוויסנע קונסטליכע האָט פאבריק פון קליידער, און געמעקעס און פליצוואניס נעמט א צו היפסען ה״ה קוגער, גארדינען און המדער, די נייעסטע וועשל און מאשינאריע האפטען צו ביליגע פרייזען, גיבט זיך איבערצייגען. גלייכצייטיג איז נויטיג אין מאנטע צו מאשינאָווע היפטען.

ל. כהלכזאוויצקי

שפאציר־גאס 12

PRZY PODAGRZE, USCHIASIE, NERWOBOLACH, REUMATYZMIE, GRYPIE, BÓLACH GŁOWY, ZAZIĘBIENIACH OKAZAŁY SIĘ TABLETKI TOGAL ŚRODKIEM ZBAWIENNYM

SPRÓBUJCIE A PRZEKONACIE SIĘ



DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH

TOGAL ROZPUSZCZA KWAS MOCZOWY

GERHARD F. SCHMIDT
WYTWÓRNIA PREPARATÓW FARMACEUTYCZNYCH
ZURICH, MONACHJUM, BERLIN, WIEDEŃ, BUDAPESZT
TORONTO (KANADA) GDAŃSK.

בעקאנטמאכונג.

די געזעלשאפט „חברה קדישא וחסד של אמת“ מאכט בעקאנט איהרע מיטגלידער דאס זונטאג דעם 26/II יום א' פ' תצוה אום 6 אז. אוו. קומט פאר אין איגענעם לאקאל זאמענע 3 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פערוואלטונג

„חברה קדישא והסד של אמת“ אין ראדאם.


### דאנקזאגונג

אין נאמען פון דער קולטור־קאמיסיע ביים יודישען האנטווערקער קלוב דריקען מיר אויס דעם בעסטען דאנק די ה.ה. הרה און סימפאטיקער גאלבערג, הייט, חזאן, לעווין, שטייגענבערג, גוטענבערג, גאמבאוויצקי ווי אויך די קליינינקע בלאנק, וואס האבען פערשטאנען מיטצוהעלפען דעם אָוענד, וואס איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט ערפאלג.

די קאמיסיע.


Kino CORSO Teatr

Od czwartku 23-go lutego

TAKI JEST PARYŻ!

(ÇA C'EST... PARIS!...)

Melodramat w 10 dużych aktach.

Lekarz-Dentysta

R. BANKIER

RADOM,

SKARYSZEWSKA 15.

vis a vis parku Kościuszki

PRZYJMUJE OD 9-1 I OD 3-7.

KINO „CORSO“ w RADOMIU.

Od 2? go Lutego b. r.

Jeden z najnowszych programów sezonu pt.

WŚRÓD TYSIĄCA NIEBEZPIECZEŃSTW

W roli głównej ulubieniec HARRY PEEL

Felczer H. GRINSZTAJN Zgodna 1, tel. 303.


Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.